בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א



כי תצא

ט' אלול תשפ"ג

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:36 |
| מוצש"ק | 7:49 |
| ר"ת | 8:28 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:38 | סוז"ת א' | 9:59 |
| סוזק"ש ב' | 9:23 | סוז"ת ב' | 10:29 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס':

מ"ה


## טיב הפרשה

# די מצוה פון לא תתעלם – אויך ברוחניות

אין די וואכענדיגע פרשה לערנט אונז די תוה"ק אויס די וועג וויאזוי א איד דארף זיך אויפפירן ווען ער באגעגנט זיך מיט א געוויסער רכוש וואס א איד האט פארלוירן ווי א פארלוירענע אקס, א שעפעלע, אדער א בגד. די תוה"ק זאגט אן פארן איד אז ער זאל זיך נישט פארהוילן פון א צווייטן איד'ס רכוש און זיך מאכן ווי ער זעט עס נישט, אדער אז עס האט נישט מיט אים, נאר ער זאל עס נעמען ווי זיינער א זאך און עס אפגעבן פארן בעל הבית.

איך האב זיך אזוי מתבונן געווען אז עס קומט אויס אז די פרשה ליינט מען חודש אלול, אין א צייט ווען יעדער איד זעצט זיך אוועק און מאכט א חשבון הנפש און די תוה"ק וויל אונז מרמז זיין דא אז מיר זאלן אויך מאכן א שטיקל חשבון הנפש אין אונזערע מעשים.

די תוה"ק רעדט דא צו דער איד און זאגט אים אן אז ווען ער זעט ווי א צווייטער איד פארלירט זיין פארמעגן זאל ער נישט בלייבן גלייכגילטיג און זאגן אז עס האט נישט מיט מיר, נאר ער זאל זיך יא נעמען צום הארצן און אויפזוכן דער איד וואס האט פארלוירן זיין אבידה און עס אים אפגעבן.

דער געדאנק פון צוזען ווי יענער דערלייגט און נישט וייטערגיין ווי ער וואלט גארנישט געזען, איז א אידישע מידה. ביי א איד איז דא א ברודערליכקייט, מען זוכט וויאזוי מען קען ארויסהעלפן איינעם דעם אנדערן, אבער געגוי ווי די נקודה דארף זיין בגשמיות, דארף עס אויך זיין ברוחניות, אז מען זאל זיך זארגן פאר די רוחניות פון א צווייטן איד.

ווען א איד זעט ווי ביי זיין חבר איז דא א שוואכקייט אין רוחניות, און ער שפירט ביי זיך אז ער האט די מעגליכקייט אים צו שטארקן און צו מוטיגן, אז ער זאל זיך צוריקכאפן און זיך שטארקן, האט ער א פליכט עס צו טון.

די פליכט רעכענט אריין יעדער סארט וועג וואס דער איד האט צו קענען דערנענטערן א צווייטן. אמאל איז עס דורך מוסר'ן יענעם און אמאל איז עס דורך מקרב זיין יענעם אדער אים ארויסהעלפן אין זיינע שוועריגקייטן, אבער עס דארף זיין קלאר אז אזוי ווי די זעלבע ציווי פון זיך נישט מתעלם זיין ביי גשמיות, דארף אויך זיין ביי א איד ווען עס קומט צו רוחניות.

עס איז וויכטיג אז די נקודה זאל ווערן באטאנט, ווייל אינדערצייט וואס ווען עס רעדט זיך פון גשמיות איז עס ביי אסאך אידן א דבר המובן מאיליו, איז עס אבער ביי רוחניות שוואכער. דער איד קוקט זיך אליין אן און זאגט צו זיך אז איך בין דאך אויך נישט דער גרעסטער צדיק, איך האב נאך


<<< המשך אין עמוד ב'


## טיב המערכת

### – ◆ כִּי יִהְיֶה לְאִישׁ בֵּן ◆ –

אונזער פרשה הייבט זיך אן מיט די ווערטער "כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה.. וְרָאִיתָ בַּשִּׁבְיָה אֵשֶׁת יְפַת תֹּאַר", און רש"י ערקלערט אז די תורה זאגט דאס אנטקעגן דעם יצר הרע, ווייל אויב דער אויבערשטער וועט נישט מתיר זיין דעם אשת יפת תואר, וועט דער מענטש חתונה האבן מיט איר באיסור.

ווייטער אין די פרשה, אויפן פסוק "כי יהיה לאיש בן סורר ומורה", ברענגט רש"י די ווערטער פון די גמרא, אז דער בן סורר ומורה ווערט גע'הרג'עט צוליב זיין סוף, ווייל אויב מען וועט אים לאזן לעבן, וועט ער דער סוף זיין אז ער וועט אויסניצן די געלט פון זיין טאטע, און ער וועט שטיין ביים שיידוועג און בארויבן די מענטשן, דעריבער האט די תורה געזאגט אז ער זאל שטארבן יעצט ווען ער איז זַכַּאי און ער זאל נישט שטארבן ווען ער איז שוין חַיָּב.

לכאורה איז דאס א גרויסע וואונדער, ווייל די גמרא זאגט אז עס איז קיינמאל נישט געווען קיין בן סורר ומורה, און עס איז נישט מעגליך אז עס זאל זיין, אויב אזוי, פארוואס איז די פרשה געגעבן געווארן? דערויף איז דער ענטפער אז די תורה האט גערעדט אנטקעגן דער יצר הרע.

אינדערצייט פון די שרעקליכע גזירה פון די קאנטאניסטן אין רוסלאנד, איז געווען א פרוי אן אלמנה וועלכע האט געהאט א בן יחיד, און צו איר גרויס ווייטאג איז איר איינציג זון געפאנגען געווארן דורך די שליחים פונעם צאר און איז גענומען געווארן צום שרעקליכן מיליטער.

איידער זי האט זיך געזעגנט פון אים אויף אייביג, האט זי געזאגט צו אים: מיין קינד! געדענק און פארגעס נישט אז דו ביסט א איד!

דער קינד איז מיט גרויס העלדישקייט בייגעשטאנען אלע נסיונות וואס די רשעים האבן אים געשטעלט, אבער פון די פילע יסורים וואס מען האט אים געפייניגט, האט ער אויסגעהויכט זיין נשמה, און איז נפטר געווארן, ל"ע. האט די מאמע געמאכט א גרויסע לוויה פאר איר זון, און בשעת די לויה האט די צובראכענע מאמע געטיילט מזונות און טרינקען פאר די משתתפים, און מיט טרערן אין די אויגן האט זי געזאגט: ברוך ה', מיין זון איז נפטר געווארן א איד! 'מוּטָב שֶׁיָּמוּת זַכַּאי וְאַל יָמוּת חַיָּב'.

אין די טעג, זוכט יעדער איינער מיט וואס זיך צו פארבעסערן, אבער דער יצר איז נישט מסכים דערצו, און אויף יעדער זאך וואס מען וויל מתקן זיין, מישט ער זיך גלייך אריין און ער זאגט: דאס קענסטו נישט, יענץ איז צי שווער! און אזוי ווייטער.

לאמיר געדענקען די ווערטער פון רש"י, 'לֹא דִּבְּרָה תּוֹרָה אֶלָּא כְּנֶגֶד יֵצֶר הָרָע', און לאמיר אים זאגן: פארדריי מיר נישט קיין קאפ! די תורה פארלאנגט נישט פון מיר עפעס וואס איך קען נישט שטיין אין דעם. די אלע געדאנקען אז 'איך קען נישט', איז נישט מער ווי א פאלשע עצה פונעם יצר הרע, וועלכער וויל אונז אריינווארפן אין זיין נעץ.

לאמיר מקיים זיין דעם "כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ", וועלן מיר זוכה זיין אז עס וועט מקוים ווערן ביי אונז דעם "וּנְתָנוֹ ד' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ".

(לויט א שמועס געגעבן פרשת כי תצא תשע"ב)


זמנים אויף
קבלת קהל און שיחות
0534-100024

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320



יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

א שטיקל וועג צו גיין, עס קומט נישט אריין אז איך זאל מוסר'ן א צווייטן, אבער געניי ווי בגשמיות וועט א איד נישט זאגן אז אזוי ווי איך האב נישט געגעסן פרישטאג, זאל דער צווייטער איד אויך נישט עסן, דארף זיין די זעלבע ביי רוחניות.

עס דארף זיין קלאר ביי יעדן איד, אז ווען א איד ווערט נכשל אין אן עבירה ווערט ער דערווייטערט פון השי"ת. זיין גוטער און נאנטער קשר צו דער טאטע אין הימל ווערט אפגעשוואכט און די נשמה פון דער איד האט פון דעם צער, און אויך דער טאטע אין הימל האט צער פון דעם, און מיר קענען עס מונע זיין.

מיר זענען צי קליין צו קענען אפשאצן די טיפע צער וואס דער טאטע אין הימל האט. מען זעט אויף די וועלט ווי גרויס עס איז דער צער פון א איד ווען ער פארלירט א קינד, סיי אויב די אבידה איז בגשמיות און סיי אויב עס איז ברוחניות, און פון דעם קען מען נעמען א קל וחומר ווי גרויס עס איז דער צער וואס דער טאטע אין הימל האט פון דעם, און אז מיר האבן די כוחות עס צוריקצוהאלטן איז עס א גרויסער זאך און מען דארף טון וואס מען קען דערוועגן.

אין די טעג גרייטן מיר זיך פאר א גרויסער משפט, און וואס קען זיין א גרעסערער זכות ווי מקרב זיין א איד צום טאטן אין הימל?

אסאך פון אונז וועלן האבן די געפיל מקרב צו זיין אנדערע, אבער זיי וועלן עס נאר האבן ווען זיי באגעגענען זיך מיט אזעלכע וואס זענען זייער ווייט אוועק פון תורה און מצוות, ווען אין די זעלבע צייט פארהוילט מען זיך פון די אידן וואס זענען נאנט צו אונז און פארלירן דעם טעם אין עבודת השם.

אז מען זאל מצליח זיין און צוריקברענגען א איד וואס איז לײדער זייער ווייט, וועט זיך אויספעלן א געוויסער מומחה'שאפט, אבער ווען עס רעדט זיך פון נאנטע קען מען צומאל צוריקברענגען די קינדער זייער גרינג, מיט א גוט ווארט, מיט אביסל חיזוק, און מען דארף זען עס צו טון וואס מער, ווייל אויסער וואס מען ראטעוועט מיט איר דורות, מאכט מען אויך מיט דעם א געוואלדיגער נחת רוח פאר הקב"ה.

די עבודה פון א איד אין די טעג איז ממליך צו זיין הקב"ה אויף די וועלט. מען גייט אויסרופן אז הקב"ה איז דער מלך פון די וועלט, און וואס קען זיין א גרעסערע וועג ממליך צו זיין הקב"ה ווי צו זארגן אז זיינע קינדער זאלן זיך צוריקקערן צו אים.

אין די הלכות פון די טעג ווערט גע'פסק'נט, אז אויב מען האט פארגעסן צו זאגן זכרנו לחיים אדער 'בספר חיים', דארף ער נישט איבערדאווענען די שמונה עשרה, אבער אויב א איד האט בטעות געזאגט 'הקל הקדוש' אנשטאט 'המלך הקדוש' דארף ער יא איבערדאווענען.

ווען מען איז זיך מתבונן אין די הלכה זעט מען דא א וואונדערליכער זאך. די מטרה פון די תפילה אין די הייליגע טעג איז צו בעטן אויף א לעבעדיגע יאר, אויף א גוט יאר, און די תפילה אויף איר זעט אויס ווי פיקוח נפש, אבער דא קומען די חכמים און זענען אונז מגלה אז דער בעטן אויף חיים איז טאקע וויכטיג, אבער נאך וויכטיגער איז דער ממליך זיין הקב"ה אויף די וועלט, און אז מען איז עוסק אין מקרב זיין אידישע קינדער איז מען ממליך דעם באשעפער, און מען איז גורם אז עס זאל נתרבה ווערן מלכות שמים.

דער זוה"ק זאגט אויף א פלאץ, אז ווען א איד וואלט געוואוסט די גרויסקייט וואס עס איז דא אין מקרב זיין אידן לאבינו שבשמים, וואלט ער איבערגעלאזט אלע זיינע זייטיגע מצוות און וואלט עוסק געווען נאר אין דעם.

מען האט עס אויך געזען ביי די פריערדיגע צדיקים. אין יעדן דור איז געווען צדיקים וואס האבן זיך אפגעגעבן מיטן כלל און האבן מרבה געווען תורה מיט קדושה ביים כלל ישראל. די אלע צדיקים זענען געווען גרויסע בעלי מדריגה, ווען זיי זענען נאר עוסק אין עבודת השם וואלטן זיי געקענט אויסשטייגן אסאך העכער, אבער זיי האבן זיך אוועקגעגעבן פארדעם, וויסנדיג די נחת רוח וואס זייער פעולה פארשאפט למעלה, און דאגעגן די צער וואס די שכינה הק' האט ווען א איד גייט נישט אין דעם ריכטיגן וועג.

די געדאנק דארף אונז באגלייטן אייביג, און אז מען האט א געלעגענהייט צו טון אין דעם דארף מען טון אין דעם און העלפן אידן, און חלילה זיך נישט מתעלם צו זיין פון א צווייטן איד'ס רוחניות.

אין דעם זכות וואס מיר וועלן זיך באשעפטיגן מיט צוריקברענגען אנדערע אידן לאבינו שבשמים און פארמערן מלכות שמים, וועלן מיר זוכה זיין צו פועל'ן א גוט יאר און א זיסע יאר ברוחניות ובגשמיות.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

## א דירה מיט געלט פארן אדוואקאט

מיין מעשה האט זיך אנגעהויבן מיט צוועלעף יאר צוריק ווען איך האב זיך איינגעשריבן אין א געוויסער פרישער דירות פראיעקט, צו קויפן א דירה פאר מיר וואו איך וועל בס"ד קענען אויסלעבן מיינע יארן אויף די וועלט.

די דירה האב איך אפגעקויפט פון א דעוועלאפירער און יענער האט אנגעהויבן בויען די דירה. ביני לביני האט דער דעוועלאפירער איינגעזען אז ער האט נישט גענוג געלט אויסצוצאלן די דירה און ער האט באשלאסן אז ער לאזט אלעס איבער אינדערמיט, און ער גייט זיך אהיים.

מיר זענען געבליבן אויפן וואסער, נישט וויסנדיג וואס מען טוט. מיט סייעתא דשמיא איז אונטערגעקומען איינער פון די איינוואוינער, און האט ארויסגענומען אן אדוואקאט און אים געשטעלט ער זאל איבערנעמען די זאך און פארענדיגן די בויעריי.

יעדער פון די איינוואוינער האט זיך געקענט אנשליסן אין דער אונטערנעמונג פון דעם לאיער, אבער מען האט געדארפט אריינלייגן 9500 שקל זיך צו קענען אנשליסן אין דעם פראיעקט.

עס האט זיך געהערט א גוטער אויסוועג, אבער די געלט איז ביי מיר געווען א שטארקער שוועריגקייט. זייענדיג אויסגעזעקעלט פון געלט, נאכדעם וואס יעדע פרוטה איז שוין ארויס אויף רענט און אויף די געקויפטע הויז, בין איך געווען פארלוירן.

פון וואו וועל איך נעמען אזא סומע געלט?

אין די זעלבע צייט האט די קהילה וואו איך געהער, געהאלטן אינמיטן בויען א שול, און האט דרינגענד געזוכט אויפצוטרייבן גענוג געלט פאר די נייע שול, און געבעטן אז איך זאל זיך אנשליסן אין דעם.

די וועג וויאזוי מען האט אויפגעטריבן געלט איז געווען דורך פארקויפן הגרלה־קארטלעך פאר צען שקל. וויסנדיג אז מיינע קעשענעס זענען מאמענטאל ליידיג, האב איך זיך נישט ערלויבט צו ביישטייערן א גרויסער סומע געלט, וויפיל איך האב געוואלט געבן, אבער וועלנדיג נעמען א חלק, האב איך כאטש געוואלט טון אזויפיל און זיך איינקויפן א הגרלה־קארטל, אז איך זאל כאטש קענען נעמען א מינימאלע חלק אין די הוצאות, אבער די אידן אין שול האבן מיר נישט געוואלט פארקויפן, זיי האבן גע'טענה'ט אז איינער ווי איך מוז ביישטייערן גרעסערע געלטער, איך קען זיך נישט פטר'ן מיט צען שקל.

די הגרלה־קארטל האט געהאט מערערע שאנסען צו געווינען. ביי די שפיץ פון די ליסטע איז געווען א געווינס פון צוויי עירקאנדישענס.

עס איז געווען די לעצטע טאג פון די אויספארקויף, ביינאכט האט געדארפט זיין די גורל, און ביינאכט באקום איך א טעלעפאן, אויפן טרייבל איז געווען דער זעלבער מענטש מיט וועמען איך האב גערעדט אין שול.

"ווערסט נישט גלייבן! דו האסט געווינען די עירקאנדישענס".

איך האב טאקע נישט געגלייבט, ווייל איך האב קיינמאל נישט געקויפט קיין גורל, אבער דא האט זיך ארויסגעשטעלט אז מיין פרוי האט יא געקויפט איין קארטעל נאכדעם וואס איינער האט אנגעקלאפט ביים טיר און געשטעלט א טיקעט צו פארקויפן.

אבער וואס וועל איך טון מיט עירקאנדישענס? האב איך זיך געוואונדערט. אבער דער אחראי האט מיר בארואיגט זאגנדיג אז איך קען עס אויסטוישן פאר געלט.

"עס קומט זיך דיר די סומע פון עלף טויזנט שקל".

דאס איז געווען פונקט גוט, ווייל נאכן אראפנעמען די 9500 שקל און 1100 שקל מעשר געלט האב איך געהאט אויך געלט פאר די נסיעה צו דעם אדוואקאט און צוריק. עס האט זיך ארויסגעשטעלט ענדע, אז פון הימל האט מען מיר אריינגעשיקט פונקט וויפיל איך דארף האבן צו ענדיגן די דירה, און זיך קענען אריינציען אין איר.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה מ.ר.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס

אין פקס: 15326517922

# די עבודה פון חודש אלו"ל ב'

**"... אֶלָּא מֵרֹאשׁ חֹדֶשׁ וְאֵילָךְ מַתְחִילִין לִתְקֹעַ אַחַר הַתְּפִלָּה שַׁחֲרִית..."** (שו"ע או"ח סי' תקפ"א ס"א בהג"ה)

מנהג ישראל, צו בלאזן מיטן שופר אין גאנץ חודש אלו"ל (טושו"ע סי' תקפ"א ס"א).

שרייבט דער מהרי"ל (מנהגים, הלכות ימים הנוראים ס"ק ה): עס איז איינגעפירט בכל תפוצות ישראל, אז מען הייבט אן בלאזן שופר ווען חודש אלול קומט אריין. און מהרא"ק שרייבט אז עס איז א גוטער מנהג צו בלאזן שופר פון ראש חודש אלול און ווייטער, כדי צו פארמישן דעם שטן, אז ער זאל נישט וויסן ווען וועט זיין דער יום הדין, צו קענען מקטרג זיין. און דעריבער בלאזט מען נישט אום ערב ראש השנה, ווייל אזוי מיינט ער אז דער יום הדין איז שוין דורכגעגאנגען. אזוי אויך, דאס וואס מען הייבט אן די תורה פון בראשית אום שמחת תורה, איז צוליב דעם זעלבן טעם, אז דער שטן זאל נישט צוטרעפן ווען עס הייבט זיך אן די יאר, און ער וועט נישט וויסן צו מקטרג זיין.

זעען מיר דא, אז דער מהרא"ק האלט, אז נישט נאר דאס וואס מיר בלאזן נישט אום ערב ראש השנה, איז כדי צו מבלבל זיין דעם שטן, אזוי ווי די פוסקים שרייבן (מגן אברהם ס"ק יד, אלי' רבה סק"ד, פרי מגדים אין משבצות זהב סק"ד, משנה ברורה סקכ"ד), נאר דאס גאנצער ענין פון שופר־בלאזן במשך חודש אלול, איז מיטן ציל צו פארטומלען דעם שטן און אים צומישן, אז ער זאל נישט וויסן ווען געפאלט דער יום הדין, און אזוי איז משמע פון די ווערטער פונעם טור (אנהייב פונעם סימן), עיין שם.

לויט דעם קען מען ערקלערן דעם פסוק אין תהלים (פא, ד־ה): "תִּקְעוּ בַחֹדֶשׁ שׁוֹפָר" – א גאנצן חודש זאלט איר בלאזן שופר, "בַּכֶּסֶה לְיוֹם חַגֵּנוּ" – כדי עס זאל פארדעקט ווערן דער טאג פון אונזער יום־טוב, און דער מקטרג זאל נישט וויסן ווען עס געפאלט. און דער פסוק ערקלערט גלייך דעם טעם: "כִּי חֹק לְיִשְׂרָאֵל הוּא מִשְׁפָּט לֵאלֹקֵי יַעֲקֹב", און כדי דער שטן זאל נישט מקטרג זיין ביים משפט אינעם יום הדין, איז מען אים מבלבל דורכאויס דעם גאנצן חודש דורך בלאזן שופר (שפת הים).

->•<-

עס איז אמאל געווען א ישיבה־בחור וואס האט שוואך געלערנט, און האט נישט געזען קיין ברכה און קיין הצלחה אין זיין לערנען... און וויבאלד די שלעכטע געדאנקען געפינען זיך אין הארץ פון דער וואס איז נישט באשעפטיגט אין חכמה (רמב"ם איסו"ב כב־כא), האבן די נסיונות פונעם יצר הרע אנגעהויבן צו ברענען אין אים אזוי ווי פייער אין טרוקענע פלאקס (סוטה מח.), רחמנא ליצלן.

זיין מצב הרוחני איז געגאנגען בארג אראפ, און עס איז שוין אנגעקומען דערצו, אז ער האט זיך שוין נישט געפינען זיין פלאץ אויפן באנק אין ישיבה, און ער האט געוואלט אפלאזן די ישיבה בפרט, און דאס גאנצע וועלט פון תורה און אידישקייט בכלל, ה' ישמרנו, און זיך אנשליסן אין א גרופע פון פוסטע און ליידיגע "נושרים" וואס דרייען זיך אין די גאסן...

אין איינע פון די לאנגע שמועסן וואס ער האט געהאט אין יענעם תקופה מיט דער 'משגיח' פון די ישיבה, וועלכער איז געווען זייער קלוג און באהאוונט אין חינוך, און פלעגט האבן א פערזענליכן קשר מיט יעדן איינעם פון זיינע תלמידים, האט זיך דער הארץ פונעם בחור געעפנט, און ער האט גענומען באדויערן זיין טרויעריגן מצב.

"וויאזוי זע איך אויס"? האט דער בחור געקלאגט פארן משגיח. "שוין פאר לאנגע 'זמנים' בין איך געבליבן 'שטעקן' אינעם זעלבן מצב, איך פיל נישט קיין שום צופרידנקייט און שטייגן אין מיין לערנען, און אוודאי נישט אין יראת שמים! אלעס הינקעט... איך פיל נישט דא קיין שום טעם אין לעבן! נאר א גאר שווערע יאך, וואס פאדערט שטרענג פון מיר אז איך דארף זיך שטעלן טאג־טעגליך צו א לאנגע סדר הישיבה, וואס איז צוזאמגעשטעלט נאר פון לערנען און לערנען, פון אינדערפרי ביז ביינאכט, איך האב נישט קיין שום סיפוק אין דעם! עס איז מיר נמאס געווארן", האט דער בחור אויסגעפירט, "איך וויל אפלאזן די ישיבה, און כאטש הנאה האבן פון די חיי עולם הזה און אירע פארגעניגנס"!

מיט זיין געוואלדיגע קלוגשאפט, איז דער משגיח נישט אריינגעגאנגען מיטן בחור אין פוסטע וויכוחים, וואס וואלטן נישט געברענגט קיין שום תועלת, נאר ער האט ארויסגעצויגן פון זיין טאש אן אלטע גאלדענע מטבע, וואס במשך די יארן האט זיך אנגעקליבן דערויף אסאך ראָסט, און ער האט געבעטן פונעם בחור:

איך בעט דיר, דא האב איך גאר אן אלטער און זעלטענער מטבע, וואס איך וויל עס פארקויפן אויפן מארק פון די אנטיק זאכן, און וויבאלד איך ווייס אז דו האסט געוואלדיגע כשרונות, און א פיינעם חוש פון האנדלען... האב איך געטראכט אז דו וועסט מיר קענען העלפן מיט דעם!

דו האסט מיר דערציילט, אז דו קענסט גוט דעם מארק און דעם מהלך וויאזוי מען טוט דארט ביזנעס, צוליב דיינע אפטע באזוכן דארט... בעט איך דיר, נעם אט דעם גאלדענעם מטבע, און פראביר עס צו פארקויפן אין מארק, פאר א גוטן פרייז, וואס זאל זיין נישט ווייניגער ווי דריי הונדערט דאלער (300$)!

פארשטייט זיך, האט דער משגיח אויסגעפירט, אז איך וועל דיר געבן פראצענטן פון די הכנסה וואס קומט אריין, נאר ביטע זאג מיר נישט אפ, און העלף מיר עס שוין צו פארקויפן איינמאל פאר אלעמאל, אבער געדענק גוט וואס מיר האבן אפגערעדט: נישט ווייניגער ווי דריי הונדערט דאלער, נישט קיין דאלער ווייניגער!

נישט קיין פראבלעם – האט דער בחור גענזאגט – זייער גערן!

ער האט אריינגעשטופט דעם מטבע טיף אין זיין טאש, און האט זיך ארויסגעלאזט צום מארק־פלאץ, און אנגעהויבן נוצן זיין חוש פון האנדלען וואס דער משגיח האט דערמאנט. ער האט אויסגעטוישט עטליכע ווערטער מיט איין סוחר, און זיך אביסל באפריינדעט מיט אן אנדערן סוחר. דערביי האט ער זיי געוויזן דעם מטבע וואס ער וויל פארקויפן, באצייכענענדיג אז דאס איז זייער אן אלטער מטבע, וואס האט זייער א היסטארישן ווערד!

"און וויפיל קאסט אט דער אור־אלטער מטבע"? האבן די סוחרים געפרעגט. "דריי הונדערט דאלער, איז דער פרייז", האט דער בחור באשטימט, נישט איבערלאזנדיג קיין ארט צו אראפהאנדלען אדער פרעגן קשיות.

די סוחרים האבן הארציג געלאכט: דער מטבע וואס דו האלטסט אין האנט, איז זייער אלט, און איז פול מיט ראָסט, פארזשאווערט פון אלע זייטן, קוק נאר וויאזוי עס זעט אויס! אזא מטבע איז ווערד אפשר פופציג דאלער (50$)... און דו בעטסט דערפאר דריי הונדערט דאלער?

דער בחור איז ארויסגעגאנגען פונעם מארק שטארק ענטוישט. דער משגיח איז דאך נישט קיין שוטה, און אויב ער האט אים געשיקט צום מארק, און אים געהייסן בעטן דריי הונדערט דאלער פארן מטבע, האט ער גוט געוואוסט וואס ער רעדט! אויב אזוי, וויאזוי קען זיין אז קיינער פון די סוחרים פון מארק האלט נישט אז עס איז ווערד מער ווי פופציג?

דער בחור האט נאך פראבירט זיין מזל אין די הייזער פון עטליכע סוחרים, אבער עס האט גארנישט געהאלפן. קיין איינער פון זיי איז נישט גרייט געווען צו צאלן דערפאר מער ווי פופציג דאלער!

נאך עטליכע שעה פון אומזיסטע פלאג, איז דער בחור צוריקגעקומען בבושת פנים צום משגיח, שטארק צובראכן פון דעם וואס עס איז אים נישט געלונגען אויפצווייזן זיין כח און חוש פון האנדלען.

אבער נאכדעם וואס דער משגיח האט געהערט וויאזוי עס איז געגאנגען אין מארק, און וואס די סוחרים האבן אים געזאגט, האט ער געשיקט דעם בחור צו א סוחר וועלכער איז געווען א גרויסער מומחה אין ענינים פון גאלד, און אים געהייסן אז ער זאל עס פראבירן פארקויפן פאר אים, אבער אויך ביי אים האט ער זיך אויסגענומען דעם תנאי אז ער טאר נישט נעמען פאר דעם ווייניגער ווי דריי הונדערט דאלער!

ווען דער בחור איז אנגעקומען צום לאנגיעריגן סוחר, האט דער סוחר גענומען דעם מטבע אין זיין האנט, און עס שטארק באטראכט און טיף באקוקט פון אלע זייטן. דערנאך האט ער עס גענומען צו א ספעציעלע ווינקל פונעם געשעפט, וואו דער סוחר האט עס אויסגערייניגט מיט גאר ספעציעלע מיטלען... דורך א מאשין וואס איז זייער שווער צו באקומען, האט דער סוחר אפגעקראצט די פילע ראָסט וואס האט זיך אנגעקליבן אויפן מטבע דורכאויס די פילע יארן, און מיט אן אנדער געצייג האט ער געריבן און אויסגעגלאנצט דעם מטבע פון אלע זייטן, און נאך א שווער שטיקל ארבעט, איז די מטבע אפגעשווענקט געווארן מיט ספעציעלע מאטעריאלן וואס רייניגן די גאלד, ביז די מטבע איז ארויסגעגאנגען גלאנציג און שיינענדיג! ממש פָּנִים חֲדָשׁוֹת בָּאוּ לְכָאן!

ווען דער סוחר האט געענדיגט טון דעם גאנצן שווערן ארבעט, האט דער בחור געפרעגט דעם גרויסן סוחר: און וויפיל וועט איר יעצט גרייט זיין צו באצאלן פאר אט דעם מטבע?

| המשך אין עמוד ד' |<

דער סוחר האט נאכאמאל גענומען דעם מטבע אין האנט, און עס גרונטליך באטראכט, און דערנאך האט ער זיך אנגערופן אז ער וועט באצאלן דערפאר זיבן הונדערט דאלער (700$)! באצייכענענדיג אז דאס איז טאקע זייער א זעלטענע מטבע און איז זייער ווערדפול.

"וואס"? האט דער בחור אויסגעשריגן פון גרויס וואונדער. ער איז זיכער געווען, אז אויך נאכן רייניגן דעם מטבע, וועט איר ווערד נישט ארויפגיין מער ווי מיט נאך איינציגע דאלארן. אבער פאר אזא קנאגעדיגע פרייז האט ער אפילו נישט גע'חלומ'ט!

דער בחור האט זיך זייער געפריידט. דא האט ער יעצט ב"ה געטון זייער א גוטע געשעפט! יעצט וועט ער קענען אויפווייזן פארן משגיח ווי א געלונגענער ער איז מיט זיין חוש פון האנדלען... ווייל יעצט האט ער פארדינט נישט נאר דריי הונדערט, נאר זיבן הונדערט גרינגע דאלארן, קעש!

ווען דער בחור האט זיך צוריקגעקערט צום משגיח, און ער האט אים דערציילט איבער די געלונגענע געשעפט, ברענגענדיג די געלט, האט דער געזיכט פונעם משגיח אויפגעלויכטן פון גרויס שמחה, און ער האט זיך געווענדן צום בחור מיט גרויס ליבשאפט און ער האט געזאגט צו אים: זעסטו? דאס איז די גאנצע אונטערשייד...

ווען דער מטבע איז פול מיט ראָסט און אזויפיל שמוץ איז אנגעקלעבט אין דעם, איז עס נישט ווערד מער ווי א קליין פרייז... אבער ווען עס קומט אן צו די הענט פונעם גרויסן מומחה, וועלכער פארשטייט גלייך איר ספעציעלן ווערד, וואס איז פשוט פארדעקט פונדרויסן מיט שמוץ, האט ער זיך גענומען רייבן און אויסלייטערן דעם מטבע און ער האט אוועקגענומען איר שמוץ, און אזוי איז אנטפלעקט געווארן די טייערקייט פונעם בריליאנט!

מען דארף נאר געפינען דעם גרויסן מומחה, וועלכער זאל פארשטיין און אנערקענען וואס ער דארף טון! און מגלה זיין וואס עס באהאלט זיך אונטער אלע שמוץ און ראָסט!

אויך ביי דיר איז אזוי! האט דער משגיח אויסגעפירט מיט אן אידעלן שמייכל. אביסל שמוץ און ראָסט איז ארויפגעגאנגען אויף דיין נשמה, און זיי פארדעקן און פארנעפלען איר געוואלדיגע שיינקייט און פראכט! דעריבער דארפסטו האבן א באהאנדלונג פון די מומחים, וואס זיי זענען די חכמים און רבנים, וואס זיי ווייסן און אנערקענען די אינערליכע ווערד פון די נשמה, און זיי האבן די פאסיגע כלים און מיטלען מיט וועלכע זיי קענען אראפנעמען די ראָסט און די שמוץ... ביז דו וועסט אליין אנערקענען דיין געוואלדיגע אינערליכע טייערקייט און חשיבות!

די אויפריכטיגע ווערטער פונעם משגיח, האבן שטארק געפאָלן פארן בחור, און האבן טיף אריינגעדרינגען אינעם הארץ פונעם בחור. זעלבסטפארשטענדליך אז ער האט נישט פארלאזט די ישיבה, און מיט די הילף פון זיינע געטרייע רבי'ס איז ער צוביסלעך ארויסגעגאנגען פון אלע פראבלעמען, ביז ער איז אויסגעוואקסן א גרויסער תלמיד חכם. ער האט תשובה געטון בתשובה שלימה, און איז שפעטער געווארן א גרויסער רב!

[פרטית, י"ג סיון תשע"ב]

-> • <-

אין די ישיבה פון 'בריסק', האט מען נישט באשטימט א ספעציעלן 'סדר' פארן לערנען מוסר במשך פונעם יאר, ווי עס איז איינגעפירט אין אסאך ישיבות, וויבאלד מען האט נישט געוואלט צושטערן דעם איכות פון די סדרי הלימוד בש"ס ופוסקים. אויסער אין די טעג פון חודש אלול און עשרת ימי תשובה, ווען מען האט יא געלערנט מוסר, כדי צו מעורר זיין די הערצער צו די געהויבענע עבודה פון תשובה אין אט די הייליגע טעג.

עס ווערט דערציילט, אז אמאל איז איינער פון די זין פון מרן הגרי"ז גאב"ד בריסק זצוק"ל אריינגעגאנגען צום טאטן, און האט אים געפינען ווי ער זיצט אינגאנצן פארטיפט, בדחילו ורחימו, אינעם ספר 'מסילת ישרים' פונעם הייליגן רמח"ל זצוק"ל.

זעעניג דאס, האט זיך דער זון אביסל געוואונדערט, און האט געפרעגט דעם טאטן: דאס איז דאך נישט אונזער שיטה?

האט אים דער בריסקער רב געענטפערט מיט זיין הייליגן חן: דער טעם פארוואס אין בריסק האט מען ווייניג געלערנט מוסר, איז געווען וויבאלד מען האט געטראכט אז אט דער לימוד איז געאייגנט בעיקר פאר קראנקע (חוֹלֵי הַנֶּפֶשׁ, זע רמב"ם הלכות דעות פרק ב' הלכה א'), דעריבער איז בעסער זיך אריינצולייגן אין יגיעת התורה מיט לערנען גמרא און תוספות, וואס דורכדעם וועט ער קענען אפהיטן זיין געזונט אז ער זאל נישט קראנק ווערן, און ער וועט נישט דארפן נעמען קיין מעדיצינען.

אבער יעצט, האט דער בריסקער רב אויסגעפירט צו זיין זון, האב איך געפילט ביי זיך אביסל א שוואכקייט, און דערפאר האב איך געדארפט אביסל לערנען מוסר!

א שיינעם מנהג איז אנגענומען ביי די בעלי המוסר, אז אין דעם זעלבן טאג אין וואך וואס עס איז אויסגעפאלן יום כיפור, האט מען עס געהאלטן אביסל הייליג דורכאויס דעם גאנצן יאר, צו מאכן דעמאלטס א חשבון הנפש, צי ער האלט די קבלות וואס ער האט מקבל געווען אויף זיך אינעם יום הדין!

[קובץ "כלליות", שיחה 24, דף קו]




על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל מייער נלבע י"ג אלול תשפ"ב תנ.צ.ב.ה.

יוסף בן טילה רוזא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רוזה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנ.צ.ב.ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנ.צ.ב.ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פז

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173